בחצרות סאטמאר

צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און פודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ב' פ' אחרי | ז' ניסן | תשע"א | פסחים: ע"ז.

# באריכט:

## בקודש פנימה

היינט אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד הגדול ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר משה שמואל פרענקל הי"ו פון קרית יואל, אויך איז פאר'ן דאווענען פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' ישראל זעליג שרייבער הי"ו פון בארא פארק.

נאכ'ן דאווענען איז פאהרגעקומען א לחיים לרגל די יארצייט פון הרבנית חנה ע"ה די רעביצין פון הייליגן קדושת יו"ט זי"ע – די מוטער פון מרנן רבותיה"ק בעל עצי חיים זי"ע ובעל דברי יואל זי"ע.

אין די פארמיטאג שעה'ן איז הגה"צ ר' בנציון וואזנער שליט"א רב דק' שבט הלוי מאנסי געקומען אויף א באזוך צו מרן רבינו שליט"א ווי עס איז פארמירט געווארן א הלכה'דיגע שמועס אבער די ווייץ אויף די מצות און נאך.

דאן זענען געקומען צום רבי'ן שליט"א די בחורי חמד תלמידי מתיבתא ד'וויען פון בארא פארק אויף א פארהער אין מס' קידושין, און נאכ'ן זיי פארהערן האט דער רבי שליט"א משמיע געווען דברות קודש – דברי הדרכה און חיזוק אין לימוד התורה און וויאזוי אויסצונוצן די ימי חג הפסח הממשמשים ובאים.

## דרשת הכנה ליו"ט היינט נאכט אין וויליאמסבורג

היינט נאכט אום 9:00 אזייגער וועט אי"ה הרה"ג ר' יצחק אייזיק קרישעווסקי שליט"א ר"מ בישיתיה"ק אין בארא פארק אויפטרעטן מיט א דרשת הכנה אויף יו"ט הבעל"ט אין בית מדרשינו הגדול אויף 14 הופפער סט.

*-שמעו ותחי נפשכם-*

## ערב פסח מצה בעקעריי אין קהלתינו הק' – מאנשטעסטער

אין מאנשטעסטער האט הנהלת קהלתינו הק' געמלדן די גינסטיגע נייעס אז מען האט ב"ה מסדר געווען צוויי חבורות צו באקן מצות אום ערב פסח הבעל"ט מיט די הידורים אשר שנו לנו רבתויה"ק.

זיך איינצושרייבן אין מאנשטעסטער קען מען זיך ווענדן צו מוה"ר יודא אליעזר גאטעסמאן הי"ו, אדער צו מוה"ר הערשל ווייזער הי"ו אדער צו מוה"ר יואל כהן הי"ו.

אנשי שלומינו פון לאנדאן וואס וועלן אי"ה ויילן אויף יו"ט אין מאנשעטסטער קענען זיך ווענדן איינצושרייבן ביי מוה"ר יודא אליעזר גאטעסמאן הי"ו אויף 07976618117.

## נייע חודש'ליכע "אוצרות" אויסגאבע ערשינען!

אין גאהר פריידיגע נייעס איז היינט אויפגענומען געווארן אז דער נייער חודש'ליכער סאטמארער אויסגאבע פאר אינג און אלט מיט'ן נאמען "אוצרות" איז בעזהשי"ת היינט ערשינען אין די געשעפטן.

דער נייער אויסגאבע וואס ווערט ארויסגעגעבן דורך די וועד החינוך פון מוסדותינו הק' פון וויליאמסבורג – בארא פארק – קרית יואל, איז פיל מיט א רוחניות'דיגע תוכן אנהאלטנד'יג הערליכע מאמרים פון פארשידענע ענינים.

די אויסגאבע איז דא צו באקומען אין אלע געשעפטן.

אזוי אויך איז געמאלדן געווארן אז דער ניי-ערשינענער "ומשה הי' רועה" חלק חמישי איז שוין אנגעקומען און די תומכי מתיבתא הק' ערהאלטן עס אין די טעג.

אי"ה סוף וואך וועט עס זיין צו באקומען אין אלע געשעפטן און ביי די סאטמארער מקוה אידן.

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,**
**און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין**
**מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען**
**פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**